# נקדישך

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון כ"א

## וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי ה'!

דאס האט פאסירט אין ענדע חודש אלול ה'תש"ע . ארום עלעף אזייגער ביינאכט איז ר' משה מ. צוזאמען מיט זיין פרוי געפארן אין דעם טונקעלן גאס וואס דרייט זיך ארום ווי א שלאנג, אויפן וועג צום שטעטל 'מעלה אפרים' וואס איז אין געגנט פון 'בקעת הירדן', דארט וואוינען זיי אין די לעצטערע יארן. א אראבישע אויטא וואס איז געפארן אונטער זיי זייער ווילד האט זיי געווינקען אז זיי זאלן זיך רוקן מער צו די זייט כדי זיי זאלן קענען פארן פאראויס, אין די ערשטע געלעגנהייט האט זיך ר' משה טאקע גערוקט צו די זייט, ווען ביי זיך אין הארץ דאנקט ער דעם אויבירשטן אז ער האט אים נישט באשאפן אזוי ווי די ווילדע חיות וואס טוהן גרינגשעצן אין זייער לעבן און אין די לעבן פון אנדערע נאר כדי צו פארדינען עטליכע מינוט.

די אויטא פון אונטער זיי האט פארשטארקט זיין איילעניש און האט זיך געשטעלט פאראויס, נאר אנשטאט צו פארן ווייטער האט ער זיך ווילדערהייט אפגעשטעלט און זיי פארמאכט די וועג פון צו קענען פארן ווייטער, און פון יענע מינוט האט אלעס גאר שנעל פאסירט:

א אראבישער טעראריסט אנגעוואפנט מיט א רעוואלווער איז ארויס פון זיין אויטא, און פון גאר נאנט האט ער אנגעהויבן צו שיסן אויף די אויטא פון ר' משה און זיין פרוי. נישט ווייניגער פון זיבעצן קוילן האט דער טעראריסט אנגעיאגט צו שיסן צו זייער ריכטונג, ווען א מורא'דיגע נס וואס מיר קענען עס נישט באגרייפן פאסירט, אויסער איין קויל וואס איז געלונגען אין די פוס פונעם דרייווער, האבן די אנדערע קוילן נישט געציהלט. דער טעראריסט, ווי עס זעהט אויס איז געווארן אינגאנצן איבערראשט פון זיין דורכפאל, איז שנעל געלאפן צו זיין אויטא עס אנפילן, און אין די איינציגסטע סקונדעס האט ר' משה וואס איז פארוואונדעט געווארן אויף זיין פוס, מיט א געוואלדיגע קאלטקייט, און מיט פול סייעתא דשמיא, אנגעיאגט ארויס שלעפן זיין פרוי פון דעם געלעכערטן אויטא און איר צוגעאיילט זי זאל אנטלויפן צוזאמען מיט אים אראפ אין תהום וואס איז געווען אויף די רעכטע זייט פון די וועג.

אין א געווענליכע צייט איז די דרייסטע געדאנק געווען נאריש און מסוכנ'דיג. עס רעדט זיך פון א שטיינערדיגע תהום וואס איז טיף דרייסיג מעטער, ווען זיי האבן נישט ביי זיך מיט וואס זיך צו קענען באשיצן פון זייערע פיינט.

אבער ווען זייער לעבן איז געווען אנגעהאנגען אויף א האר, און אין יעדע סעקונדע קען דער טעראריסט צוריק קומען ווען ער האט מיט זיך זיין רעוואלווער מיט נייע קוילן, און זיי הרג'ענען מיט א זיכערקייט, האבן זיי נישט געהאט וואס צו פארלירן. זיי האבן אנגעהויבן שנעל אראפ גיין אין די געדרייטע וועג, וואס איז טונקל און פול מיט שטרויכלונגען, נישט בעפאר ווען זיי האבן באמערקט ווי דער טעראריסט האט זיך דערנעטערט מיט נאך צוויי חברים צו זייער אויטא.

אינמיטן וועג אראפ האבן זיי זיך אנגעהויבן צו קוילערן אויף די שטיינער, ווען זיין פארוואונדעטע פוס פארלירט אסאך בלוט, און ער מיט זיין פרוי וועלעכע איז געווען אינגאנצן שאקירט ווערן צוקלאפט פון די פעלזן שטיינער און פון די דערנער וואס זענען אויפן וועג.

*

ווען זיי זענען שוין ענדליך געשטאנען אויף א גראדע ערד טיף אונטן. האט ר' משה ארויס גענומען זיין סעלפאון וואס צום גרויסן וואונדער איז עס נישט ארויס געפאלן פון זיין טאש, און האט באלד אנגערופן די הצלה.

ביז עטליכע מינוט זענען זיי דארטן אנגעקומען, און נאך א שטיק צייט פון

## מבשרי אחזה!

### סיפורי ישועות וואס זענען ערהאלטן געווארן אינעם מערכת

יישר כוח פארן גליון עס טוט אויף מורא'דיגע זאכן. איך האב געמאכט א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען אין אויך אנדערע קבלות בעניני קדושת בית המדרש אין געשיקט די קבלה (קוויטעל) מיט ענק צום יארצייט פינעם הייליגען תוספות יום טוב ו' אלול לזכות אז מיין זוהן זאל טרעפן זיין זיווג הגון בקרוב, צו די פערציג טאג פונעם יומא דהילולא (ערב סוכות) איז ער בעז"ה א חתן געווארן.

ישר כח פאר אלעס וואס איר טוט פאר קדושת בית המדרש.

(-)

*

שוין א לענגערע צייט וואס איך טוה אסאך בעניני קדושת בית המדרש, און איך בין מעורר אנדערע אויך צו טוהן דערוועגן. דעם פארגאנגענעם ז' תשרי בין איך געווען ביים תוספות יו"ט און איך האב מיר דארטן אויסגערעדט צו איהם און געבעטן אז בזכות וואס איך האב שוין געטון פאר קדושת בית המדרש זאל איך געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון במהרה. איך האב איהם געזאגט אז איך טוה אזויפיל פאר דיר און יעצט ווארט איך דו זאלסט צוריק טוען פאר מיר אין דערנאך וועל איך אי"ה מער ארבעטן לטובת הענין.

איך האב אויך דארט צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה אויב איך ווער א חתן אין די קומענדיגע 40 טעג,

ז' חשון, 30 טעג נאכן זיך משתתף זיין ביים ציון בין איך א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת למזל טוב

(-)

*

וכבר אמר החכם: **דאס אז די באשעפער שיקט א ישועה, דאס איז נישט קיין מופת, ער איז דאך א כל יכול, דאס אז א בשר ודם מאכט קבלות טובות איז אסאך א גרעסערע מופת!**

פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com

זוכענישן האבן זיי געטראפן ר' משה מיט זיין פרוי און זיי האבן זיך שטארק געפלאגט זיי צו ארויס נעמען און באנדאשירן זייערע וואונדן, ווען אין די זעלבע צייט האט די פאליציי אנגעהויבן נאכיאגן די טעראריסטן.

ווען אין א צייט שפעטער האט מען זיי געכאפט, האבן זיי דערציילט ביים אויספארשונג אז אין לויף פון א לאנגע צייט האבן זיי זיך געלערנט צו קענען אדורכפירן אזא טעראר אטאקע, און זיי זענען אזוי זיכער געווען אין זייער הצלחה, אז זיי האבן שוין פון פריער געגראבן א גרוב וואו דארט האבן זיי געוואלט באגראבן זייערע קרבנות, און ווי שטארק זענען זיי איבערראשט געווארן ווען זיי האבן נישט געקענט אויספירן זייער וואונטש.

*

איין זאך איז געבליבן אום פארשטענדליך; די פאליצאנטן האבן נישט געקענט פארשטיין, וויאזוי קען זיין אז אין די טיפענישן פונעם תהום, אין א טיפקייט פון דרייסיג מעטער, האבן זיי געקענט ארויס רופן פון זייער סעלפאון.

עס רעדט זיך אין א געגנט וואס אויך אויבן אויפן גאס איז די סערוויס זייער פראבלעמאטיש, און אוודאי אין די טיפענישן, איבערהויפט אז נאכדעם האבן זיי אליין אויך נישט געקענט נאך ארויס רופן, און אויך די הצלה לייט וואס זענען געקומען האבן זייערע סעלפאון נישט געוויזן קיין צייכן פון קיין סערוויס.

*

ארום א האלבע יאר נאך די געשהעניש, נאך ווען זיין פוס האט זיך שוין אויסגעהיילט, האבן זיי אפגעראכטן א גרויסע סעודת הודאה, ווען דער בעל הנס געהאלטן א דרשה וואו ער האט אראפגעלייגט געריררטערהייט די קייט פון די אפענע ניסים וואס האט צוגעפירט צו זייער הצלה, און פארגעסט נישט צו דערמאנען דעם גרויסן נס אז עס איז אים געלונגען ארויס רופן פון זיין סעלפאון אין אזא פלאץ וואו דארט איז איגאנצן נישט דא קיין סערוויס. וואס פון דעם איז יעדער איבעראשט געווארן.

דער קומענדיגער רעדנער איז געווען איינער פון די רבנים אין די ישיבה וואו ר' משה לערנט פאר; ביי זיין דרשה איז אים געלונגען צו איבערראשן אלע אנוועזנדע ווען ער האט געזאגט אז ער האט א לאגישע ענטפער וואס קען קלאר מאכן די נס פון די סערוויס: ער האט דערמאנט פאר ר' משה אז פאר ארום צעהן יאר צוריק, ווען ער האט צום ערשטן מאל געקויפט א סעלפאון, האט ער זיך אויסגערעדט פאר זיינע חברים אז ער ציטערט זייער שטארק פון דעם 'יצר הרע' - ווי ער האט עס אנגערופן - וואס ער טראגט אין זיין טאש, וועגן דעם האט ער באשלאסן אז ער וועט קיינמאל נישט אריינגיין אין א שוהל ווען די סעלפאון איז אין זיין טאש, אפילו ווען עס איז פארלאשן.

זיינע ווערטער האט ער ערקלערט אויף א פשוט'ן וועג; אלע פארשטייען אז א סעלפאון וואס איז אנגעצינדן שטערט זייער שטארק פאר די נארמאלע אויפירונג וואס פאסט פאר א שוהל, און עס האלט אים אפ פון צו קענען מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין די חוב פון "ומקדשי תיראו".

דאס איז געזאגט געווארן סיי וועגן תורה, אז א אנגעצינדענע סעלפאון אין טאש קען זייער שנעל צוברענגען אז זיין לערנען זאל ווערן 'קרעים קרעים', און ווען מיר רעדן פון דאווענען; עס איז נישט לאגיש אז א מענטש זאל בעהטן: "שמע קולנו... וקבל ברחמים וברצון את תפלתנו", ווען די סעלפאון קלינג אים אין זיין טאש אדער צי ווען עס איז אנגעשטעלט אויף שטיל ס'זאל נאר דריזלען, און פון זיך אליין דערנענטערט זיך זיין האנט אהין כדי צו קוועטשן אויף קנעפל פון פארלעשן.

אלץ די גוטע קבלה פון ר' משה, האט דער בעל דרשן ווייטער דערציילט, איז געווארן א געוואלדיגע חיזוק אין בית המדרש, און אסאך האבן באשלאסן אים נאכטוהן, אזוי אז אין זיין זכות איז די שוהל געווארן 'ריין' פון סעלפאונ'ס ביים לערנען און ביים דאווענען. אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער, אז פאר אזא מענטש וואס האט באשלאסן נישט צו האלטן א סעלפאון אין זיין טאש כדי ער זאל נישט געשטערט ווערן ביים דאווענען און ביים דינען דעם באשעפער, האט אים דער אויבישטער צוריק געצאלט מדה כנגד מדה, אז פונקט די סעלפאון האט אים געראטעוועט פון א טויט אורטייל".

('להתעדן באהבתך' - וכל מאמינים)

